# סעודת הילולא פון הגה"ק בעל "אך פרי תבואה" מיטוואָך אָוונט אין ביהמ"ד ליסקא

**י"ד אב פאַלט אוים די הילולא קדישא פון הגה"ק רבן של ישראל רבי צבי הירש זצוק"ל אבד"ק ליסקא, באַקאַנט אַלס דער 'אך פרי תבואה' נאָך זיין הייליגן ספר.**

הגה"ק מליסקא זי"ע איז געווען בשעתו פון די גרעסטע מנהיגי החסידות און אונגאַרן, וועמענס נאָמען איז פאַרהייליגט געוואָרן ביי חסידים לדורי דורות. טויזנטער אידן פלעגן קומען ביום ההילולא על ציונו הקדוש אין שטאט ליסקא און זיך אויסבעטן ישועות ורפואות בגוף ובנפש. ווי דער 'אך פרי תבואה' זעלבסט האָט געזאָגט איידער זיין פטירה: "זאָרגטס ענק נישט, איך וועל אויפטון מער אין די זאָקן, ווי אין די שיך", מיינענדיג מיט דעם אַז ער וועט ווייטער אַרויסהעלפן פאַר ווער עס קומט נאָר צו מתפלל זיין ביי זיין ציון.

אזוי אויך עד היום פאָרן אידן מארבע כנפות הארץ קיין ליסקא זיך מתפלל זיין און זיך אויסבעטן אויף דעם הייליגן מקום. בפרט נאָך דעם וואָס מיט עטליכע יאָר צוריק איז דער בית החיים און דער אוהל הקדוש פון רבותיה"ק מבית ליסקא ה"ה בעל אך פרי תבואה זי"ע וחתנו וממלא מקומו בעל טל חיים זי"ע, צוריקגעשטעלט געוואָרן אין ארדענונג, מען האָט איבערגעבויט דער גדר אויף די פריערדיגע יסודות, אין אַריין געצויגען לעקטער צו קען באלייכטען אינעווייניג אינעם אוהל הקדוש.

ווי יעדעס יאָר וועט אויך היי יאָר פאָרקומען די סעודת הילולא אין דעם ליסקא בית המדרש 1449 50 סט. מיטוואָך אָוונט פרשת ואתחנן, אור ליום חמישי - י"ד אב. די סעודה וועט זיך אָנהייבן תיכף נאָך תפלת מעריב, זמן תפלת מנחה ומעריב איז 8:45, דברי תורה ועובדות ממרן בעל הילולא זי"ע וועט געהערט ווערן דורכ'ן ממשיך שושלת הקודש כ"ק אדמו"ר מליסקא שליט"א.

# יאָרצייט סעודה פון כ"ק אדמו"ר מבריד ורב ערוגת הבושם באַלטימאָר זצ"ל הערט רוף, צו דרינגענדע הרחבת גבולי קדושה וטהרה

**די הייליגע אַרבעט אין דער שטאָט באַלטימאָר פון כ"ק הגה"צ רבי עמרם טויב זצ"ל אין שליחות פון כ"ק מרן הרה"ק בעל ויואל משה מסאַטמאַר זי"ע, פאָדערט אַסטראָנאָמישע שטיצע! -**

**בנו הגה"צ ר' ישעי' שליט"א מרא דאתרא און אַנדערע, זענען מעורר ביים סעודת הילולא איבער דער אַקטועלער וויכטיגקייט פון הרחבת גבולי קדושה וטהרה -**

**יהדות החרדית בכלל און חסידי ותלמידי סאַטמאַר בפרט, וועלן געווים העלפן פאַרזיכערן די הייליגע קהילה; 'באר חפרוה שרים'**

[באַריכט פון יאָרצייט סעודה
און פון דרינגענדן רוף אי"ה קומענדיגע וואָך]

# הונדערטער ביי סעודת הילולא און עלי' לציון פון כ"ק אדמו"ר בעל פקודת אלעזר מפאַלטישאַן זי"ע

**לרגל פערציגסטער יאָרצייט 'כ"א תמוז' תשל"ו-תשע"ו - גרויסער ציבור ביים עלי' לציון הק' אין ניו דזשערזי - ניסים מיט אָנגעהיצטן באס אויפ'ן וועג צוריק קיין ניו יאָרק - ביי דער סעודת הילולא: פייערדיגע דרשה ודברי זכרון פון הגה"צ טענקא רב שליט"א און דברות קודש פון כ"ק אדמו"ר מפאַלטישאַן שליט"א במשנתו של זקנו בעל ההילולא זי"ע**



**באָראָ פּאַרק. -** מיט גרויס התעוררות דקדושה איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם פאַרגאַנגענעם כ"א תמוז די פערציגסטע הילולא קדישא פונעם פאַלטישאַנער רבי'ן הרה"ק בעל פקודת אלעזר זי"ע, בצל נכדו ומ"מ כ"ק אדמו"ר מפאַלטישאַן שליט"א.

במשך דער טאָג פונעם יומא דהילולא, האָט געשטראָמט אַ ריזן ציבור אידן פון איבער גאַנץ ניו יאָרק, און ספּעציעל פון די קעטסקילס בערג, צום ציון הק' אין ניו דזשערזי, און מתפלל געווען לישועתן של ישראל.

צוליב די גאָר שווערע היצן, איז דורך די פאַלטישאַנער קהילה אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שאַטער מיט לייכטע געטראַנקען ביים ציון, פאר די הונדערטער אידן וואָס זענען אַרויפגעקומען אין דעם טאָג מתפלל זיין און אויסבעטן כל משאלות לבם לטובה.

ביומא דהילולא פארמיטאָג, איז כ"ק אדמו"ר מפאַלטישאַן שליט"א אַרויפגעגאַנגען צום ציון אינאיינעם מיט אַ גרויסן ציבור חסידים ואנשי מעשה, און באלד אָנגעהויבן זאָגן די קאפיטלעך אַלס שליח ציבור מיט גרויס התעוררות.

די אחים הרבנים הצדיקים שליט"א לבית כ"ץ, בני הגה"צ רבי אהרן ארי' כ"ץ זצ"ל חדב"ן, ונכדי בעל ההילולא, האָבן מיטגעהאַלטן דעם מעמד עלי' לציון מאחורי הגדר, זייענדיג כהנים מיוחסים למעלה בקודש.

דערנאָך האָט דער פאַלטישאַנער רבי שליט"א גענומען קוויטלעך פונעם גאַנצן עולם, און זיך משתטח געווען על ציון זקנו הק' מיט גרויסע בכיות, אויסבעטנדיג ישועות ורפואות פאר כל בית ישראל.

אויפ'ן וועג צוריק קיין ניו יאָרק, האָט פּאַסירט גרויסע נסים ב"ה, ווען פונעם באָס האָט אָנגעהויבן גיין אַ געדיכט שוואַרצער רויעך, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן ערנסטע שריפה ח"ו. דער באס האָט זיך באלד אָפּגעשטעלט אויף די זייט, און דער ציבור איז געבליבן געשטראנדעט אין די שווערע היצן - אן עיר קאנדישאן - קרוב צו אַ שעה. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אז דער 'מאטאר' איז געוואָרן איבערגעהיצט פון די שווערע היצן. ערשט נאכן זיך 'באַרואיגן' און 'קומען צו זיך' פון די היצן, האָט דער באס געקענט פאָרזעצן דעם וועג לחיים ולשלום.

עס איז אייגנטליך געווען אַ טאָפּלטער נס, אז דאָס האָט פּאַסירט האַרט איידער מ'איז אַרויף אויפ'ן הויפט שאָסיי, וואָס דאַן וואלט עס געקענט זיין מער מסוכן ח"ו, בפרט אין אַזאַ הייסן וועטער. זייענדיג נאָך אויף די לאקאַלע גאסן, האָט מען באלד געברענגט וואסער פאַר'ן עולם פון די ארומיגע געשעפטן.

## מעמד מזכרת צדיק וסעודת הילולא

אַ גרויסער ציבור חסידים ואנשי מעשה, ובראשם פילע אדמורי"ם ורבנים שליט"א, האָבן זיך שפּעטער אוונט-צייט באַטייליגט ביים גרויסארטיגן סעודת הילולא קדישא ומעמד 'מזכרת צדיק', וואָס איז פארגעקומען בהיכל ביהמ"ד פאַלטישאַן.

כ"ק אדמו"ר מפאַלטישאַן שליט"א איז אַריינגעקומען צו תפלת מנחה און צוגעגאַנגען צום עמוד לרגל די הילולא, און דערנאָך זיך געוואשן צום סעודת הילולא.

דער פאַלטישאַנער רבי שליט"א האָט געמאכט אַ סיום מס' און געזאָגט קדיש, און האָט באַגריסט די חשוב'ע אדמו"רים ורבנים שליט"א וועלכע האָבן זיך משתתף געווען ביים מעמד.

נאָך די ניגוני התעוררות און ברכת לחיים, איז מכובד געוואָרן הגה"צ אבד"ק טענקא שליט"א איבערצוגעבן דברי זכרון פונעם בעל הילולא. דער טענקער רב שליט"א האָט מיט אַ רגש דקדושה זיך צעפייערט ווען ער האָט מעלה געווען גודל קדושתו ותורתו פונעם בעל הילולא, און אַרויסגעברענגט די געוואלדיגע זכי' וואָס מען האָט געשפּירט בחיים חיותו, ווען מ'פלעגט זיך קומען מתחמם זיין לאורו פון דעם צדיק נשגב, און ווי מ'פלעגט געהאלפן ווערן בברכותיו הטהורות.

במשך דער מעמד, האָט די 'מתיקות' קאַפּעליע פאָרגעזונגען אַלטע ניגוני התעוררות וואָס פלעגן געזונגען ווערן בבית מדרשו פונעם בעל הילולא, וואָס האָבן ערוועקט התרגשות'דיגע געפילן ביים עלטערן דור, דערמאַנענדיג זיך פון די לעכטיגע טעג בהלו נרו פונעם בעל הילולא זי"ע.

דאן האָט מען געהאַט די זכי' צו הערן דברות קודש פון כ"ק אדמו"ר מפאַלטישאַן שליט"א, וועלכער האָט אַ לענגערע צייט ארומגערעדט במשנתו פונעם בעל הילולא, אָפּשטעלנדיג זיך אויף עטליכע יסודות'דיגע נקודות וואָס זענען נוגע אויף אונזערע צייטן, און אָנגעוואונטשן ברכת קדשו פאַר'ן גאַנצן ציבור בזכותו של זקנו בעל ההילולא.

**זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל.**